יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 269 | לאדז, דאנערשטאג, ה' כסלו תרצ"ד | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Czwartek 23 listopada 1933 r. | № 269 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# היטלערס שלום=גרייטקייט

## איז א געשפרעך מיט א שליח פון דער פראנצ. פרעסע

פאריז, 22־ (ספ. טעל.) פערנאנד דע־בריניאָן, א ספעציעלער שליח פון פאריזער צייטונגען, האט געהאט א 2־שעהדיגען געשפרעך מיט היטלער. די איינדרוקען פון דעם דאזיגען געשפרעך פערעפענטליכט דער היינטיגער „מאטען".

לויט היטלער'ס מיינונג עקזיסטירט גאר נישט אין אייראפא אזא מין סכסוך, וואס זאל בארעכטיגען א מלחמה, אלץ קאן בשלום ערלעדיגט ווערען צווישען די רעגירונגען פון די פעלקער, אויב זיי בעזיצען נאר דאס געפיהל פאר עהרע און אחריות. עס עקזיסטירט א פוילען, וואס איז בעלעבט פון פאטריאטישען פאנאטישען געפיהל און בשכנות מיט איהר עקזיסטירט א דייטשלאנד, וואס איז נישט ווייניגער פון איהר צוגעבונדען צו איהרע טראדיציעס. צווישען ביידע מלוכות זענען פערהאן הילוקי דעות און שטרייט־פונקטען, וואס זענען דער פועל יוצא פון א שלעכטען טראקטאט, אבער עס איז נישט פערהאן גארנישט אזוי, וואס זאל ווערט זיין דאס פערגיסען פון בלוט.

מען האט מיך בעליידיגט, איבערחזר'נדיג אהן אנאויפהער, אז איך וויל מלחמה. בין איך דען א משוגענער? א מלחמה גאר? א מלחמה וועט דאך גארנישט רעגולירען, נאר די וועלט נאך פיל פערערגערען דעם מצב פון דער וועלט! ווי אזוי קאן איך דען שטרעבען צו א נייער מלחמה, כל זמן די רעזולטאטען פון דעם לעצטען גרויסען שטורעם לאסטיגען נאך אויף אונז.

איך האב פאר זיך א גרויסע אינערליכע ארבייט. איך האב צוריקגעקעהרט מיין פאלק דאס געפיהל פאר זיין כבוד. איך וויל איהם נאך צוריקקעהרען די פריידע פון לעבען און איהר רעצט זיך אליין, אז איך וויל אוועקשטעלן מיין ארבייט דורך א נייעם קריג? לאזט געמאך...

אין דעם זעלבען „פריידליכען" טאן האט היטלער אויך גערעדט וועגען די שטרייט־פראגען מיט פראנקרייך און בכלל וועגען די עוולה'ס פון ווערסאלער טראקטאט, און זיין אויסזאהר איז געווען, אז ער האט נישט די מינדעסטע כוונה צו אטאקירען די שכנים פון דייטשלאנד.

וואס שייך זשענעווע האט היטלער געזאגט: „פערלאזענדיג זשענעווע" בין איך בעגאנגען א נויטיגען אקט, און איך האב דעם איינדרוק, אז איך האב אויפגעקלעהרט דעם ענין. קיין זשענעווע וועלען מיר זיך נישט צוריקקעהרען.

די פעלקער־ליגע איז אן אינטערנאציאנאלער פארלאמענט, אין וועלכען פערשיידענע מלוכה־גרופעס העצען געגענאיינאנדער. אנשטאט צו פערלייכטערען געוויסע ענינים האט מען פערמעהרט די מיספערשטענדענישען. איך בין שטענדיג גרייט און איך האב געגעבען א ביישפיל פון פערבינדען בעציהונגען מיט די, וואס ווילען מיט מיר רעדען.

## ס'ווערט אויסגעארבייט א פראיעקט

### מעגליך צו מאכען רעוויזיע פון טראקטאטען

פאריז, 22. (ספ. טעל.) די היינטיגע פרעסע דערצעהלט, אז דער גענעראל־סעקרעטאר פון פעלקער־בונד, דער פראנצויז אווענאל, און דער בעלגישער דעלעגאט בורקען ארבייטען־אויס צוזאמען א פראיעקט וועגען ענדערען דעם סטאטוט פון פעלקער־בונד, הויפטזעכליך פון בעריהמטען פאראגראף 19, וואס סיהעט זיך וועגען א רעוויזיע פון טראקטאטען.

די ענדערונג פון דאזיגען פאראגראף זאל בעשטעהען אין דעם, אז ער זאל קאנען אנגענומען ווערען מיט א מעהרהייט שטימען פון די מיטגלידער פון פעלקער־בונד, און נישט, ווי ביז איצט, מיט אלע שטימען.

די פראיעקט־געבער זענען דערמיט אויסען צו מאכען א געוויסע קאנצעסיע לטובת דייטשלאנד און איטאליען.

דער דאזיגער פראיעקט האט אויסגערופען א געוואלדיגע סענסאציע אין די קרייזען פון פעלקער־בונד.

---

## שטרענגע מיטלען געגען דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע

### ערקלערונג פון אונגארישען בילדונגס־מיניסטער

בודאפעשט, 22 (יט"א טעלעגראפיש). דער אונגארישער בילדונגס־מיניסטער האט פערעפענטליכט אן ערקלערונג, אין וועלכען ער האט צו נישט געמאכט די בעהויפטונגען פון דער אנטיסעמיטישער פראפאגאנדע וועגען א כלומרשטע צו הויכער צאהל יודישע סטודענטען אויף די אונגארישע הויכשולען. דער מיניסטער שטעלט פעסט, אז די צאהל יודישע סטודענטען אויף די אונגארישע הויכשולען איז נישט העכער פון 9 פראצענט.

אין דער דאזיגער ערקלערונג, ווערען די אנטיסעמיטישע סטודענטען אויפגעפאדערט, זיך צו פערהאלטען לאיאל ווי ס'פאדערט דאס געזעץ. אין געגענפאל וועט די רעגירונג אנעמען די שארפסטע מיטלען.

---

## היינט עפענט זיך דער ווארשעווער אוניווערזיטעט

ווארשא, 22. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער בילדונגס־מיניסטער האט פעראָרדענט צו עפענען דעם 23. ד. ח. דעם ווארשאווער אוניווערזיטעט און איינשרייבען די צוהערער, וואס זענען אין איהם אנגענומען געווארען ערב זיין שליסען זיך, ד. ה. פאר'ן 26. אקטאבער ה. י.

גלייכצייטיג האט דער מיניסטער פעראָרדענט דעם רעקטאר תיכף צו בעוויליגען פונ'ם אוניווערזיטעטס־בנין די געזעלשאפט „בראטניא פאמאץ", אויף להבא מעגען פונקציאנירען אינ'ם אוניווערזיטעטס־בנין בלויז וויסענשאפטס־קרייזען.

דער מיניסטער האט אויך פעראָרדענט איינצופיהרען א שטרענגע קאנטראלע פון פעראיינען, וועלכע גייען אריין אין אוניווערזיטעט און נישט אריינצולאזען אהין קיין עלעמענטען, וואס האבען מיט איהם קיין שייכות נישט.

---

## די „בריסקער ארעסטאנטען" זענען שוין אוועק זיצען

ווארשא, 22. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) אויף בעכטען איז בעשטימט געווארען דער טערמין פאר די בריסקער ארעסטאנטען צו קומען אפזיצען די שטראפע. בארליצקי האט אנגעגעבען א בקשה אז מ'זאל איהם אפרוקען דעם טערמין אויפ'ן 25. ד. ח. ווייל ע' איז פערנומען מיט'ן ערלעדיגען משפחה־אנגעלעגענהייטען.

די פערטיידיגער בעמיהען זיך, אז מ'זאל דערלויבען צושטעלען די ארעסטירטע פריוואט עסען, ביכער און צייטונגען.

די מעטיגע גרופע פון דער פויערים־פארטיי האט בדעה צו ארגאניזירען א פעטיציע וועגען בעגנאדיגען די בריסקער ארעסטאנטען.

---

## אראבער פאשיסטען

ירושלים, 22 (ספ. טעל.) עס האט זיך געבילדעט א פאשיסטישער פערבאנד פון אראבישער יוגענד, וואס זיין צוועק איז מיט אלע כוחות צו שיצען די נאציאנאלע אינטערעסען.

קינא „טשארי"

Kino „CZARY" Cegielniana 2.

קינא „טשארי"

מארגען, פרייטאג, די לאנג ערווארטעטע פרעמיערע!

פון דעם ערשטען 100% רעדענדיגען און זינגענדיגען פילם אין דער יודישער שפראך!

עס ווערט דעמאנסטרירט די וואונדערבארע ביבלישע טראגעדיע

„יוסף אין מצרים"

אויסערן פראגראם וועט דער בעריהמטער ניו־יארקער אויבערקאנטאר וואלדמאן מיט זיין גרויסען כאר זינגען

„כל=נדרי"

קינא „טשארי"

Kino „CZARY" Cegielniana 2.

קינא „טשארי"

